# פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 9-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשן

## היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 71 | Łódź, Środa 23 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ט"ו אדר ב' תרצ"ב | № 71

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# קאנפערענץ פון 4 געוועזענע פרעמיערן

## וועגען וואס וועט דארט גערעדט ווערן — ווייסט מען נישט

לעמבערג, 22 (ספ. טעל.) דער היינ-ציגער „קוריער לוואווסקי" טיילט מיט, אז דער געוועזענער פרעמיער פראף. בארטעל פאהרט ארויס דעם 29-טען ד. ח. קיין ווארשא, וואו ס'דארף פארקומען א קאנפערענץ פון די פרעמיער-מיניסטארען פון די נאך מאי-רעגירונגען.

צוליב דעם וואס מארשאל פילסודסקי ווילט איצט אין אויסלאנד, וועט די קאנפערענץ פארקו-מען צווישען פיר געוועזענע פרעמיערען: בארטעל, סלאוועק, שוויטאלסקי און פריסטאר.

וואס פאר ציל ס'האט די דאזיגע קאנפע-רענץ איז נאך נישט בעקאנט.

## פראנצויזיש-דייטש-אמעריקאנישע געשפרעכען

### וועגען דער קומענדיגער לאזאנער קאנפערענץ

פאריז, 22 (ספעציעל) א גרויסע פעראינ-טערעסירונג האט אין פאריז ארויסגערופען דאס קומען פון אמעריקאנער אמבאסאדאר אין בערלין סאקעט.

סאקעט וועט היינט אפהאלטען א קאנפערענץ מיט טארדיע און פלאנדען אין דער אמעריקאנער אמבאסאדע.

אין דער אמעריקאנער אמבאסאדע איז אויך געקומען דער דייטשער אמבאסאדאר העש.

אלץ בעווייזט, אז ס'ווערען געפיהרט פראנ-צויזיש-דייטש-אמעריקאנישע געשפרעכען פאר דער לאזאנער קאנפערענץ, וועלכע וועט פארקומען אין חודש יוני, און אויף וועלכער ס'זאל געלעזט ווע-רען דער ענטשעדיגונגס פראבלעם.



דער געוו. שוועדישער מיניסטער לעגגרען איז בע-שטימט געווארען אלס פערוואלטער פון איווער קרעגערס פערזענליכען פערמעגען.

## ירושלים אהן וואסער

### אויפגעריסען דעם רעזערוואואר אין וואדי-האוואר

לאנדאן, 22 (ספעציעל) די נעכטיגע אווענד-פרעסע מעלדעט: אין וואדי-האוואר איז נעכטען אויפגעריסען געווארען דער רעזערוואואר וועלכער פערזעהט מיט וואסער די שטאט ירושלים.

דער אויפרייס איז פארגעקומען בעת רע-מאנט-ארבייטען. 3 ארבייטער זענען דער'הרג'עט געווארען, עטליכע פערוואונדעט.

קיין גענויע פרטים פון אטענטאט אדער קאטאסטראפע זענען נאך נישט בעקאנט. מ'ווייסט נאר אז ירושלים איז געבליבען אהן וואסער.

## בראזיליען שטעהט ווידער פאר אנ'אויפשטאנד




אין ווינקעל: דער פרעזידענט פון בראזיליען ווארגאס.

## טשילער מלוכה — באנקראט

ניו-יארק, 22 (ספ. טעל.) די טשילער רעגירונג האט זיך ערקלערט פאר באנקראט. אויף דער ניו-יארקער בערזע ווערט דער פעזעס נישט נאטירט.

## דערשאסען א קאמיסאר פון דער פאליטישער פאליציי אין לעמבערג

לעמבערג, 22 (טעלעפאניש) היינט 8 א זייגער אין דער פריה איז אויף דער סטריסקא גאס דערשאסען געווארען דער קאמיסאר טשע-כאווסקי. די דורכגעהער האבען פערהאלטען דעם אנפאלער. דאס איז אנ'אוקראינער.

## די לויה פון הרב יחזקאל ליפשיץ ז"ל

### וועט פארקומען ערשט היינט

קאליש, 22 (טעלעפאניש) צוליב דעם וואס מען ווארט אויף א זוהן פון נפטר, וועלכער דארף קומען פון ציריך, וועט די לויה פון הרב יחזקאל ליפשיץ פארקומען ערשט היינט.

## גרויסע קאטאסטראפע מיט א פאסאזשיר-שיף

### 20 מענשען דערטרונקען געווארען

אמסטערדאם, 22 (ספעציעל) אין קאיאל איז פארגעקומען א קאטאסטראפע מיט א שיף, וועלכע האט געפיהרט 46 פאסאזשירען. 20 פאסאזשירען זענען דערטרונקען געווארען.


צו דער האכצייט פון ה'
שמעון נייהויז
מיט פרל. העלא זילבערפריינד
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און טוי'געס גליק.
1904 א. יאקובאוויטש און פרוי.

קמח חיטים כשר לפסח!
תחת השגחה של הראבינאט דפה
דערמיט מאכען מיר בעקאנט אז אונזער מיהל וואס גיט ארויס דאס בעסטע און פיינסטע
מעהל
איז אזוי ווי אלע יאהר שוין בע'כשר'ט געווארען אויף פסח אונטער דער השגחה פון היגען ראבינאט, מיט בעשטעלונגען קען מען זיך שוין ווענדען פער-זענליך און טעלעפאניש. בעשטעלונגען פון דער פראווינץ ווערען שנעל און רעיעל אויסגעפיהרט.
891 מיט אכטונג
Łódzka Spółdzielnia „MŁYNPOL"
לאדז, זאקאנטנא 47, טעל. 147-40

מאשין-מצות
ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סובארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט בע-קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל-בעוואוסטער צוקערניע
נ. ווייבערג
38 פיעטריקאווער 38
טעל. 143-82

א פאבריקס-לאקאל
6681 (קליינער)
רוג זשעראמסקיעגא און קאפערניקא
צו פערדינגען פון זאפאוט
צו ערפאהרען אנדזשעיא 30, אין דער וואצארניע

כעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע
פון מאגיסטער
נ. שאץ
פיעטריקאווער 37
פראנט, 2 שטאק.
אנאליזען פון קאל, אורין לייכען און אנד.
מעסיגע פרייזען.

ENGLISH
פאראנפאנגער און פארט-געשריטענע. קאנווערסא-ציע, ליטעראטור
צו צוגענגליכע פרייזען
ערטיילט א פעהיגער פע-דאגאג. — אפערטען אין אדמיניסטר. פאר „Mir"

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
נאוואמיעסקא 5, פראנט, II שטאק

עכטע גוטע און כשר'ע
ווייז
צו די בילליגסטע פרייזען
צו 75 און 65 גראשען
פאר א 1/4 ליטער
צו בעקומען ביי דער לאנג-יעהריגער בעוואוסטער פירמע
„בארוין"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

